# באָן סעקור געזונט סיסטעם ,אינק.
# פֿינאַנציעלע הילף בקיצור

די מיסיע פֿון באָן סעקור געזונט סיסטעם ,אינק (BSHSI) .איז צוצושטעלן האַרציקע געזונט באַהאַנדלונג פֿון העכסטן קוואַליטעט פֿאַר די אָרעמע ,ניט געקוקט צי זיי זײַנען פֿעיק צו באַצאָלן . BSHSIשטעלט־צו פֿינאַנציעלע שטיצע סײַ צו די פּאַציענטן וואָס האָבן אינשורענס ,סײַ צו די וואָס עס פֿעלט זיי ,און וועלכע מען באַהאַנדלט פֿאַר שטאַרק־נויטיקער צי אַנדערע מעדיציניש־נויטיקער באַהאַנדלונג אין אַלע אונדזערע שפּיטאָלן.

## ווער גיט מען פֿינאַנציעלע הילף ?

די BSHSI פֿינאַנציעלע הילף פּאָליסי (“FAP”) שטעלט־צו 100% פֿינאַנציעלע הילף פֿאַר אָט־די באַהאַנדלונגען צו פּאַציענטן וועלכע זײַנען מסוגל דערצו וואָס האָבן אַ יערלעכע פֿאַמיליע־אײַנקונפֿט בײַ צי ווייניקער פֿון 200% לויט די איצטיקע אָנווײַזונגען וועגן אָרעמקייט בײַ דער פֿעדעראַלער רעגירונג .(FPG) די BSHSI באַט אויך אָן אַ הנחה די פּאַציענטן וועמענס יערלעכע פֿאַמיליע אײַנקונפֿט באַטרעפֿט צווישן 201% און 400% פֿון דער FPG. אַ יחיד וואָס איז מסוגל לויט FAP צי איינער וועמען ס'פֿעלט אינשורענס און איז ניט מסוגל פֿינאַנציעלע הילף וועט מען ניט רעכענען מער ווי די סומעס וואָס מען רעכנט געוויינטלעך (AGB) פֿאַר שטאַרק־נויטיקע אָדער אַנדערע מעדיציניש־נויטיקע באַהאַנדלונגען פֿאַר פּאַציענטן וועלכע האָבן יאָ אינשורענס.

## ווי אַזוי ווערט מען חל אויף פֿינאַנציעלער הילף?

יחידים וועלכע זײַנען באַזאָרגט צי זיי וועלן קאָנען באַצאָלן פֿאַר שטאַרק־נויטיקע אָדער אַנדערע מעדיציניש־נויטיקע באַהאַנדלונגען מעגן בעטן פֿינאַנציעלע הילף .כדי דאָס צו קריגן ,דאַרף דער פּאַציענט) צי די משפּחה צי אַן אנדער מענטש (אויספֿילן אונדזער אַפּליקאַציע, די Financial Assistance Application.קאָפּיעס פֿון דער אַפּליקאַציע און די FAP קריגט מען בחינם דורך רופֿן אונדזער קונים דינסט דעפּאַרטמענט), לאָקאַל 804-342-1500 (אָדער אָן קאָסט 877-342-1500. די Financial Assistance Applicationאון FAP מעג מען אויך קריגן אָן קאָסט דורך שיקן אַ בריוו צו Bon Secours Financial Assistance Program P.O. Box 742431 Atlanta GA, 30374-2431צום סוף ,מעג מען קריגן די פּאַפּירן דורך דער אינטערנעץ. www.fa.bonsecours.com :

## ווי אַזוי קריג איך הילף בײַם אויספֿילן די אַפּליקאַציע ?

יחידים וועלכע דאַרפֿן הילף דערצו מעגן רופֿן די קונים דינסט אויף די טעלעפֿאָן נומערן וואָס שטייען אויבן.

## וועלכע באַהאַנדלונגען ווערן געדעקט?

אַלע שטאַרק־נויטיקע און מעדיציניש־נויטיקע באַהאַנדלונגען ווערן געדעקט דורך FAP, אַרײַנגערעכנט די אויסער און אינעווייניק דעם שפּיטאָל .ניט חל זײַנען באַהאַנדלונגען וואָס מען קלײַבט אויס אַליין ,למשל קאָסמעטישע און" פֿלעט רעיט "באַהאַנדלונגען ,פּאַציענטן וועלכע ווילן ניט נוצן זייער אינשורענס ,,דויערנדיקע מעדיצינישע מכשירים ,היים אויפֿפּאַסונג ,באַהאַנדלונגען צוליב אַן אומגליק־פֿאַל ,און געוויסע פֿאַרשריבענע מעדיצינען .אויב באַהאַנדלונגען צוליב אַן אומגליק פֿאַל ווערן ניט אַנדערש געדעקט ,מעגן פּאַציענטן זיך אָנגעבן נאָך הילף .עס איז מעגלעך אַז די קאָסטן פֿון דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן וועלכע זײַנען ניט אָנגעשטעלטע בײַ BSHSI וועלן ניט געדעקט ווערן .איר זאָלט רעדן מיט אײַער דאָקטאָר אָדער קומט צו דעם וועבזײַטל www.fa.bonsecours.comצו באַשטימען צי אײַער דאָקטאָר באַטייליקט זיך אין דער הילף פּראָגראַם.

**<u>ווי אזוי שטעלט מען פֿראַגן צי מען דאַרף הילף מיט דער אַפּליקאַציע?</u>**

אויב איר דאַרפֿן הילף איר קענען קאָנטאַקט אַ פינאַנציעל קאָונסעלאָר אָדער קאַסירער לאָוקייטאַד אין אונדזער האָספּיטאַלס אָדער רופן אונדזער קונה דינסט אָפּטיילונג אין (לאקאלע) 804-342-1500 אָדער (טאָלל פרי) 877-342-1500. . הילף קריגט מען אויך אין די רעגיסטראַציע ערטער אין די שפּיטאָלן .אַז מען רעדט ניט ענגליש זײַנען מעגלעך פֿאַראַן ייִדישע איבערזעצוגען .רופֿט אין די אויבערשטע נומערן אָדער זוכט אויפֿן וועב זײַטל www.fa.bonsecours.com צי ס'איז פֿאַראַן די פֿאָרמעס אויף ייִדיש BSHSI FAP and the Financial Assistance Application :